# מערכת בחצרות

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות קדשינו די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | פ' וארא | כ"ב טבת | תשע"ב | מגילה: י"ב:


## באריכטן:

### מסיבה פאר אברכים צעירים לטובת די מקוה טהרה

פארגאנגענעם זונטאג נאכמיטאג איז אין וויליאמסבורג פאהרגעקומען א שיינע מסיבה געאייגענט פאר אברכים צעירים וועלכע האבן חתונה געהאט דעם פארגאנגענעם יאהר בשטומ"צ, לטובת די מקוה טהרה אין וויליאמסבורג.

די מסיבה איז פאהרגעקומען אינעם נארוואס-צוגעלייגטער חלק פונעם פרעכטיגער בנין, ווי עס האט אנגעפירט מיט די מסיבה מוה"ר שלום אליעזר פראנקעל הי"ו גזבר הקהלה, און הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א האט אויפגעטרעטן.

ॐ•ॐ

### יערליכער אפיעל אין בארא פארק לטובת מבצר הכוללים קרית יואל

דעם היינטיגן וואך קומט פאהר אין בארא פארק דער יערליכער אפיעל-קאמפיין לטובת דעם מעכטיגען מבצר הכוללים ד'קרית יואל, וועלכער איז דער יפנה נוף משוש פונעם עיר הצדק קרי' נאמנה, ווי אנ"ש תושבי בארא פארק רופן זיך אהן גאהר ווארעם מחזק צו זיין דעם ריזיגען תורה-פעסטונג.

ॐ•ॐ

### הגה"צ ר' מרדכי זילבער שליט"א מ'סטיטשין טרעהט אויף אין היכל הכולל אין וויליאמסבורג

היינט נאכמיטאג איז הגה"צ רבי מרדכי מנשה זילבער שליט"א מ'סטיטשין אנגעקומען אויף א באזוך אין היכל הכולל אין וויליאמסבורג ווי דער רב שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א דרשת התעוררות לימי השובבי"ם פאר די אברכי הכולל.

ॐ•ॐ

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטאהן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.